# יודישע אילוסטרירטע צייטונג

**Żydowska gazeta illustrowana.**

Wychodzi każdego piątku.

**Prenumerata wynosi:** Rocznie 10 K. — 5 Rbs. Półrocznie 5 K. — 2.50 Rbs. Kwartalnie K 2.75 = 1.50 Rbs

Pojedynczy egzemplarz 20 h. — 10 Kop.

**Redakcya i Administracya: Kraków, Grodzka 62.**

**Jüdische Illustrierte Zeitung.**

ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאנאמענטס־פרייז: יעהרליך: 10 קראָנען, — 5 רובל. האלביעהריג 5 קראָנען = 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2.75 קראָנען, — 1.50 רובל.

איינצעלנע נומער 20 העללער — 10 קאפ.

אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק, האלביעהריג 7.50 פיערטעליעהריג 4 פראנק.

רעדאקציאן און אדמיניסטראציאן: קראקא גראָדזקאגאסס 62. טעלעפאן נר׳ 412. עסטערר. פאסטשפארקאסען־קאנטא נר׳ 57,841.

הויפטפערטרעטונג פאר רוסלאנד: י. מערעצקי, ווארשא, כמיעלנא נר 49. פיליע אין לאדז: פרזעיאזד נר 16.

הויפטפערטרעטונג פאר רומעניען: דאוויד הערצבערג, יאסי, סטר. סאראריע נר 151.


# 119,000 קראנעז געגנב׳עט.



דער גרויסער פאסטריעבשטאהל פון 119.000 קראָנען אויף דער טינאריטע־פאסט אין וויען

**אינהאלט:** די רעוואלוציע אין פערזיען — גענעראל קאליפעט — א יודישער מיניסטער אין ענגלאנד — דר. ארלערס יובילעאום — א געדענקשטיין פאר בערעק יאָזעלאוויטש — ראָטשילד אלס וויענער — פרעזידענט פאליערס אויסגעצייכנעט — דאס נייע קריעגסשיף — א פאליטישער מארד — אויס „דאקטאר״ אויס „מארשאל״ או. ז. וו.

# 119.000 קראנען געגנב'עט.

א פרעכער דיעבשטאהל איז געשעהען פאריגען פרייטאג ביים וויענער פאסטאמט אויף דעם מינאריטען־פלאץ, וועלכער רופט ארויס דאס גרעסטע שטוינען שוין דורכדעם, וואס עס איז געשעהען אין מיטען העלען טאג, אין א פאסטאמט, אין וועלכען ס'איז תמיד א גרויסער פארטייען־פערקעהר און די גאנצע מאניפולאציע האט געדויערט קוים א מינוט... טראצדעם, וואס די גנבה איז תיכף בעמערקט געווארען, פעהלט ביז היינט יעדע שפור פון די גנבים.

ס'איז געווען נעגען 3 א זייגער נאכמיטאג. ביים שאלטער, וואו מען גיבט אויף געלד פאר די פאסט־שפארקאסע איז געזעסען דער בעאמטער לענק און וויל ס'זענען ביי זיין אבטהיילונג געראדע געווען וועניג פארטייען, האט ער זיך גענומען צוזאמענצוצעהלען די גרויסע באנקנאטען, וואס מען האט ביי איהם איינגעצאהלט. אזוי צעהלט ער אב 119 שטיק טויזענד־קראנען־נאטען און לעגט זיי צוזאמען אין א פאך פון א האלצערנע שאפקעלע, וואס שטעהט פאר איהם אויפ'ן טיש.

אין דער מינוט ערשיינען ביים שאלטער צוויי עלעגאנטע הערען און דער אמטסדיענער באלין, וועלכער וויל אויסגעבען 8 קראנען. אבער נאך איידער לענק קען די פארטייען בעדיענען, דערהערט ער אים צווייטען צימער דאס טעלעפאן־גלעקעל קלינגען. און וויל דארט איז געראדע דער אמטס־פארשטעהער נישטא, געהט לענק אריבער דארטהין, הערען וואס מען פערלאנגט. קודם פערמאכט ער זיין פענסטערל און פערשליעסט דאס שאפקעלע, מיט'ן געלד, לאזט אבער דעם שליסעל שטעקען דרין.

דיעזען מאמענט בענוצען די צוויי פרעמדע, אויסצופיהרען דעם פרעכען דיעבשטאהל. איינער פון זיי ווענדעט זיך צום אמטסדיענער מיט דער פראגע, ער זאל איהם זאגען ווי אזוי ער קען קומען וואס גיכער אויף דער מאריאהילפערשטראסע. דאביי ווייזט ער איהם א קארטע מיט עפיס א געדרוקטער אדרעסע. דער אמטסדיענער דערקענענדיג אין דעם רעדען פונ'ם פרעמדען, אז ער איז א אויסלענדער, וויל זיין געפעליג און נעהט מיט איהם ביז צו דער טהיר, איהם אויסמאלענדיג דעם וועג.

דערווייל עפענט דער צווייטער די טהיר, וואס פיהרט צום טישעל אים בירא, שליעסט אויף דאס שאפקעלע און ניבט א חאפ צו די 119 טויזענדער־נאטען און נעהט שנעל ארויס.

דער פאסט־בעאמטער יאזעף פאקסרייגער, וועלכער איז געווען בעשעפטיגט ביי דער פאקעט־אבטהיילונג, ביי וועלכער ס'זענען געראד געווען פיעל פארטייען, בעמערקט, ווי עפיס א פרעמדער איז געווען אים קאסען־בירא, שנעל רופט ער דעם בעאמטען לענק פונ'ם צווייטען צימער



די נייע סודות: בורצעוו דער ענטהיללער פון די גרעסטע פאליטישע סענזאציעס.



א פאליטישער מארד אין לאנדאן: די ערמארדונג פון דעם אבערלייטנאנט וויליע.

פונ'ם טעלעפאן, זאגענדיג: „עפיס דאכט זיך מיר, אז עפיס א פרעמדער האט זיך נעפארעט ביי אייער טיש. זעהט נאר וואס דארט איז...“ לענק לויפט צוריק און ט'עפט דאס שאפקעלע אפען און די טויזענדער פעהלען.

שנעל אלאמירט מען די גאנצע פאסט, אלע בעאמטען לויפען ארויס, מען זוכט און יאגט פון אלע זייטען... אבער פון די גנבים איז קיין שפור נישטא.

אויסגערעכענט געגוי, האט דאס גאנצע נישט נעדויערט קיין פולע מינוט. און דאך איז עס די גנבים געלונגען, צו פערשווינדען ווי א שטיין אין וואסער... דאס בעווייזט, אז דער גאנצער דיעבשטאהל איז געווען גוט אנגעגרייט; די גנבים (עס זעהט אוים אז זיי זענען ענגלענדער אדער אמעריקאנער) האבען דאס פאסט־אמט גוט שטודירט, געוואוסט ווען ס'איז פאראהאנען פיעל געלד אין דער קאסא און אז דער אפיציאל לענק פערטרעט נאכמיטאג דעם אמטס־פארשטאנד און ברויכט זיך צו ענטפערען צום טעלעפאן, ווען עס קלינגט דארט... דאס גאנצע האט געקלאפט ווי א זייגער און דער פרעכער דיעבשטאהל איז געווארען אויסגעפיה־ט מיט א וועלטענער פינקטליכקייט...

אלע נאכפארשונגען פון דער פאליציי זענען ביז איצט אהן א שום ערפאלג, חאטשי אלע וויענער נעהיים־פאליציסטען ארבייטען אויף קעסעל און אויף כלים... אלס שפורען בעזיצט מען נאר אזויפיעל. וואס דער אמטס־דיענער באלין און דער פאסטבעאמטע פאקסרייגער שילדערן דאס אויסזעהען פון די צוויי לייט. אבער דאס איז נאר ווייניג, ווייל אויך דיעזע בעשיירונג איז נישט גענוי. אלעס איז געשעהען אזוי שנעל, אז ס'איז אפילו קיין צייט געווען, די ביידע לייט גוט אנצוקוקען.

די פאסטפערוואלטונג האט אויסגעזעצט א פרייז פון טויזענד קראנען פאר דעמיעניגען, וואס ענטדעקען די ריכטיגע שפורען פון די פערברעכער. אויך וועט ער בעקומען צעהן פראצענט פון דעם געלד, וואס מען וועט ביי זיי טרעפען. דאס גאנצע וויענער פובליקום בעטהייליגט זיך אין דער אויספארשונג; יעדער קומט מיט נייע ידיעות, אז ער האט געזעהען דא און דארט פרעמדע פערדעכטיגע פערזאנען. אבער לעת־עתה זענען דאס אלעס לויטער לעערע קאמבינאציעס. די פייגעל זענען פערשוואונדען.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א אָריגינעל בילד פארשטעלענדיג דעם אופן, ווי די פ־עכע גנבה איז געשעהען, לויט די שילדערונג פון די פאסט־בעאמטען לענק און פאקסרייגער, און דעם דיענער באלין.

# גראף קאזימיערז באדעני.

פרייטאג, דען 9 יולי איז פלוצים געשטארבען דער געוועזענע שטאטהאלטער און מיניסטער־פרעזידענט גראף קאזימיר באדעני, 63 יאהר אלט.

גראף באדעני ענטשטאמט פון א איטאליענישער פאמיליע, וועלכע איז פאר פיערטהאלב הונדערט יאהר איינגעוואנדערט קיין גאליציען און האט זיך דא אים נאנצען אסימילירט.

נאך בעענדיגונג פון זיינע שטודיען אויף דער קראקויער אוניווערזיטעט ווידמעט זיך גראף באדעני דעם פאליטישען דיענסט איז געווען בעצירקסקאמיסער, בעצירקס־הויפטמאן, שטאטהאלטעריי־דירעקטאר אין קראקא און שליעסליך שטאטהאלטער.

אלס פאליטישער און פערוואלטונגס־בעאמטער האט ער זיך אויסגעצייכנעט מיט גרויסען ערנסט, ענערגיע און טיכטיגקייט. אונטער זיין פערוואלטונג איז די פאליטישע פערוואלטונג אין גאליציען שטארק פערבעסערט און מאדערניזירט געווא־ען. ער פלעגט אפט די

בעצירקסהויפטלייטע פערזענליך צו איבערראשען און צו קאנטראליערען און אלע בעאמטען האבען פאר איהם געהאט גרויסען רעשפעקט.

דאבײ איז ער געװען זעהר ליעבענסווירדיג. פריינד־ליך פאר יעדען מענש, פלעגט רעדען מיט רוטהענען רוטהעניש, מיט יודען יודיש, מיט'ן בויער לויט זיין אויפ־פאסונג און דאס האט איס אין אלע קרייזע געמאכט זעהר פאפולער.

אלס לאנגיעהריגער מיטגל ער פון לאנטאג האט ער זיך אויך גע־וויזען אלס טיכטיגער רעדנער און וויטזעהענדער פאליטיקער און דאס האט איהם פערשאפט דעם רוף אלס איינעם פון די טיכ־טיגסטע שטאאטסמענער אין עס־טערייך.

מיט די רוטהענען האט ער אנגעבאהנט א פריינדליך פערהעלט־עניס. אויך די אנדערע פארטייען און קלאסענגעגענזעצע אין גאליציען האט ער געמינדערט און דער קאיזער האט עסטערס בענוצט די געלעגענהייט איהם אויסצודריקען זיין צופריעדענ־הייט.

אים יאהר 1895 איז גראף באדעני בערופען געװארען אלס מיניסטערפרעזידענט קיין וויען. זיין ערשטעס אויפטרעטען האט שטארק אימפאניערט. אין זיין פראגראם קינ־דיגט ער אן, אז ער וויל דאס פארלאמענט פיהרען און נישט זיך לאזען פיהרען, אז ער וויל בעזיי־טיגען די גרויסע שוויערינקייטען וועגען דעם נאציאנאלען שטרייט און בערמען. אין נישט בלויז זיי פער־שיבען אויף א קורצע צייט.

אין דער פראקסיס אבער האט זיך ארויסגעשטעלט, אז די פאליטישע פערהעלטניסע אין עסטערייך זענען אנדערש ווי אין גאליציען. אויף שריט און טריט בעגעגענט ער שוויעריגקייטען, דער בעהמישע אדעל איז נישט צופריעדען. וואס א פאלאק זיצט אויבענאן און זיי שטעלען איהם בסדר אונטער פיסליך, כדי ער זאל פאלען; מיט די אנטיסעמיטען פיהרט ער צוערשט א קאמפף; נישט ווילענדיג בעשטעטיגען דר. לוגער צום בירגערמייסטער, שפע־טער אבער ניבט ער נאך און דאס שמעלערט זיין רוף אלס קאנסעקווענ־טער, ענערגישער מאן; די אונגארן קעגענאיבער ווייזט ער זיך שוואך און זיין „אויסגלייך" איז געווען דער שלעכטעסטער פון אלע פריהערינע און שפעטערע.

דאס ערשטע יאהר האלט ער זיך נאך ווי ס'איז. ער פיהרט איין די פינפטע קוריע צום רייכסראטה און פיהרט דורך די נייע וואהלען. מיט דעם נייעם פארלא־מענט קען ער זיך אבער קיין עצה נישט געבען. כדי צו בעקומען א מאיאריטעט, גיבט ער ארויס די בעקאנטע „שפראכענפעראָרדנונגען" פאר בעהמען, מעהרען און שלעזיען, וועלכע בילדען נאך ביז היינט די הויפטשוויע־ריגקייט צווישען דייטשען און טשעכען. די דייטשען הייבען אן צו בעטרייבען אים רייכסראטה א לערמענדע אבשטרוקציע מיט שקאנדאלען און קאנצערטע. דער רייכסראטה מוז תיכף געשלאסען ווערען. די פערהאנד־לונגען אים זומער 1897 פיהרען נישט צו קיין ציעל און אים הערבסט ערנייערט זיך די דייטשע אבשטרוק־ציע מיט נאך א שטארקערען געוואלט. דר. לעכער האלט דעמילט זיין בעריהמטע 12-שטונדיגע רעדע. וואלף רופט דעם מיניסטער־פרעזידענט „שופט" און ס'קומט צו א דועל, ביי וועלכען באדעני ווערד פערוואונדעט. — שליעסליך קומט עס צו דער געוואלטזאמער ענדערונג פון דער געשעפטסארדנונג, דעם איינפיהרען פון פאליציי אין פארלאמענט אריין, פערהאפטונג פון אבגעארדנעטע.

די בעפעלקערונג פון וויען ווערד אויפגערעגט. אויף די שטראסען זאמעלט זיך דאס פאלק ווי פאר א רעוואלו־ציע — און באדעני מוז אם 28 נאוועמבער דעמיסיא־נירען.

ביים קאיזער האט ער פערלוירען דעם גאנצען חן... זיין רוף אלס פאליטיקער איז פערניכטעט און זייט דעמילט לעבט ער צוריקגעצויגען און פערגעסען אויף זיינע גיטער אין מזרח־גאליציען.

די פאלגען פון זיין פאליטיק ווענען אבער נאך ביז היינט צו שפירען. אפשר נישט ווילענדיג האט ער פערשטארקט די רייבונגען צווישען דייטשע און סלאווען אין עסטערייך. און זייט זיין רעגירונג איז די אב־שטרוקציע געווארען א שטענדיגער גאסט אים עסטרייכשען פאר־לאמענט...

* * *

געשטארבען איז ער פלוצים אויף דער רייזע פון קארלסבאד א היים. עטליכע מייל פון בוסק האט איהם פלוצים אויף דער באהן גע־טראפען א הערצשלאג. דער צוג איז תיכף געבליעבען שטעהען און א דאקטאר האט געאיילט, איהם צו רעטען, אבער ס'איז געוועזען אומ־זיסט...

די נאכריכט פון זיין טויט האט זיך שנעל פערבריייטעט אים גאנצען לאנד. דער קאיזער האט זאפארט געלאזט זיין וויטווע טעלער־גראפיש קאנדאליערען. פון אלע זיי־טען קומען טעלעגראפישע און בריעפ־ליכע קאנדאלענצען.

ביי דעם לייכענבעגענגניש וועלכעס האט מאנטאג אין בוסק שטאטגעפונען, איז געווען אין פער־טרעטונג פון קאיזער גראף כאלא־ניעווסקי.

אייך פון דען מיניסטעריום זענען געוועזען: בילינסקי, דולעמבא און גארן.

און איין זאאל פון זיין פאלאץ, זענען געווען אויסגעהויפט פילע קרענצע, וועלכע זענען פון גאנצען לאנד צוגעקומען.

אללע פארלאמענטארישען קלובס האבען איהר פערטרעטער דעלעגירט צו דען לייכענבעגענגעניס. אויך פיעל יודישע געמיינדען זענען געוועזן פערטרעטען.

פאר יודען איז דער פער־שטארבענער, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין היינטיגער נומער, תמיד געווען פריינדליך און גערעכט, זאוואהל אלס פריוואט־מענש ווי אויך אלס פאליטישער בעאמטער.



גראף קאזימיר באדעני.

Die jüdische
Kredit-Union, Lemberg
reg. G. m. b. H.

Erteilt Kaufläuten
Wechsel-Escompt

und nimt
Spareinlagen
zu 4½% entgegen.



גענעראל קאליפעט.

# דר. אדלער'ס יובילעאום.

דער ענגלישער אָבעררַאַבינער דר. הערמאַן אַדלער האט פאַר קורצעם געפייערט זיין 70-סטען געבורטס־טאג.

אונצעהליגע זענען געווען די גראטולאציעס, וועלכער דער יובילאר האט בעקומען. דער קעניג פון ענגלאנד האט געשיקט אַ גראַטולאַציאנס־שרייבען. די אוניווערזיטעט פון אקספארד האט דעם יובילאר ערנאנט צום „עהרענדאקטאר". עס האבען אויך גראַטולירט עטליכע ענגלישע בישעפע, גענעראלע, לארד־מאיארס, פעראיינע און אינסטיטוטע.

אם גרויסאַרטיגסטען אבער איז געווען די בענרי־סונגס־פייער. וועלכע איז פאַרגען מאַנאט פעראנשטאל־טעט געוואָרען דורך לאָרד ראטהשילד אין זיין קונטרספורי־פארק. איבער 4000 רעפרעזענטאַנטען פון אלע ענגלישע יודישע געמיינדען האבען דאָרט דעם יובילאר איבערגע־ברענגט זייערע גראטולאַציעס. אפילו די ענגלישע אפּ־ריקאנישע קאלאניעס זענען געוועזען פערטרעטען דורך דעם אבעררַאבינער פון יאהאַניסבערג דר. יהודה ליב לאנדאַ נאַ געבוירענער לעמבערגער. בעקאנט אלס העברעאישער דיכטער אונטער'ן פסיידאָנים („הילל בן־שחר"). דר. אדלער און זיין פרוי. לארד ראָטהשילד און לעדי ראטה־שילד האבען פערזענליך עמפפאנגען די געסט ביים אַריינ־קומען אין פארק. איבער אַ שעה האט געדויערט, ביז אלע מיטגליעדער פון דער דעפוטאציע זענען פאַרביינע־גאנגען פאר דעם יובילאַר. דערנאך איבערגרייכען די דע־פוטאַציעס אַ אַדרעסע פון די יודישע געמיינדען, לאָרד ראטהשילד האַלט אַן־אַנשפּראכע, אין וועלכער ער דריקט אויס זיין צופריעדענהייט, וואס די יודישע געמיינדען האבען איהם בעעהרט, צו זיין זיבעציגסטען געבורטס־טאג.

טיעפגעריהרט דאנקט דר. אדלער פאר די גראטו־לאציעס, וועלכע זענען איהם טהייער ווי אלע געשענקע, וואָס ער האט בעקומען אנלעסליך פון זיין יובילעאום.

# גענעראל קאליפעט גע־שטארבען.

אין פאריז איז דאָנערסטאג געשטאָרבען דער גע־נעראל אַלעקסאנדער מאַרקיז דע קאַליפעט, 79 יאהר אַלט.

קאליפעט איז געוועזען איינער פון די טיכטיגסטע און פאפולערסטע פראנצעזישע גענעראַלע. געבוירען 1830 אין פאריז, האט ער זיך יונג געווידמעט אין דער מילי־טערישען לויפבאַהן און טהיילגענומען אין פאַסט אלע פראַנצעזישע קריגע, ביי סעבאַסטאפּאָל און אין מעקסיקא האט ער זיך בעזונדערס אויסגעצייכנעט.

אים קריעג פון יאהר 1870 האט ער טהיילגענומען אלס דיוויזיאנס גענעראל. ביי סעדאן איז ער געפאַנגען געוואָרען און נאך דער בעענדיגונג פון'ם קריעג איבער־נימט ער די בעקעמפפונג פון דעם קאמונע־אויפשטאַנד אין פאַריז, וועלכע ער פיהרט דורך מיט גרויסער ענערגיע.

זיין הויפטפערדיענסט איז געווען די רעאָרגאַניזירונג פון דער פראַנצעזישע קאַוואלעריע.

אים יאהר 1900 איז ער געוואָרען קריעגס־מיניס־טער אונטער וואַלדעק־רוסאָ, דעמילט, ווען דער דרייפוס־קאמפף איז געווען אם שטאַרקסטען, צוערסט איז קאַלי־פעט געווען פאַר דער רעוויזיע פון'ם פראצעס, שפּעטער אפער האט ער געענדערט זיין מיינונג און איבערדעם געמוזט דעמיסיאָנירען.

ווייט דעם האט קאַליפעט, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין דער היינטיגער נומער, געלעבט צוריקגעצויגען און פערגעסען ווי אלע „העלדען" פון'ם דרייפוס־פראצעס. ערשט זיין טויט האט ווידער דערמאַנט אין איהם.



אַ יודישער מיניסטער אין ענגלאנד: מר. הערבערט סאַמועל.



דר מאַקס נאָרדוי (צו זיין 60-סטען געבורטסטאַג).

# דר. נאַרדוי'ס זעכציגסטער געבורטסטאג.

אין פולסטער גייסטיגער און קערפּערליכער פרישע פייערט דעם 26 יולי דר. מאַקס נאָרדוי אין פאריז זיין 60-טען געבורטסטאג.

דר. מאקס נארדוי דער קריטיקער, דער שריפט־שטעלער, דער פובליציסט, איז אַ וועלטבערי המטהייט און זיינע שריפטען זענען אויך געווידמעט וועלט־פּאבלעמע וועלט־ליטעראַטור און וועלט־קונסט.

מיט די יודען, מיט זיינע איינענע ברידער האט דר. מאַקס נארדוי זיך בעשעפ־טיגט ערשט אין די לעצטע 10 יאהר. נאכדעם ווי דר. הערצל איז אויפגעטרעטען מיט זיין ציוניסטישען פּראגראם.

און ס'איז מערקווירדיג: דר. נארדוי דער שארפער קריטיקער, וואס קיין שום זאַך געפעלט איהם נישט, וואס זעהט אין ערגעץ נאר „קאנווענציאנעלע ליגען", „פאַראַדאַקסען", „ענטאַרטונ־גען", דר. נאַרדוי, וואס שרעקט נישט צוריק צו בעריהרען מיט זיין שארפער פעדער אַלסדינג, וואס איז פיעל מענשען הייליג און טהייער — ער האט זיין קריטישען קאפּ געביינט פאַר דעם אידעאַל, אַז די יודען מוזען ווידער ווערען אַ פאלק ווי אלע פעלקער, ער איז געוואָרען אַ גלייבינער ציוניסט גלייך מיט אלע שווערמער אין „אידעאַליסטען"...

און גראדע דאס מאַכט איהם פאַר אונז יודען נאך טהייער, ער און ליעבער און אין דעם טאג, ווען די פרעסע פון דער גאַנצער וועלט וועט זיך בעשעפטיגע מיט נארדוי אלס פיליזאָף און קריטיקער, וועלען די יודישע פרעסע הולדיגען נארדוי, דעם נאַציאַנאַלען יוד!

* * *

מיר וועלען אין איינער פון די קומענדיגע נומערן ברענגען אַ אויספיהרליכע ביאָגראַפיע פון דעם יובילאר. וואס זיין בילד ברענגען מיר אין היינטיגער נומער.

# א געדענקשטיין פאר בערעק יאזעלאוויטש.

מיר האבען שוין פריהער בעריכטעט איבער די פייער פון בערעק יאזעלאָוויטש'ס הונדערטסטער יאהרצייט.



א געדענקשטיין פאַר בערעק יאזעלאָוויטש.

וועלכע איז נעפייערט געוואָר־ען אין פיעל גאליציישע שטעדט.

אין בערלין, נישט ווייט פון קאצק, דאָרט וואו בערעק יאָועלאָוויטש איז געפאלען אין דער שלאכט אינ׳ם יאהר 1809, עקזיסטירט צו זיין אנדענקען א קליינער „קאפיעץ“.

דאס נוט בערלין געהערט איצט צום גראף זאל־טאזסקי און אנלעסליך פון דער 100־טער יאהרצייט האט דער גראף דאָרט אויף דעם קאפיעץ געלאזט אנ־ברינגען א געדענקשטיין מיט א אויפשריפט, וועלכע וועט פערעוויגען די טהאטען פון דעם יודיש־פוילישען העלד.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א בילד פון דעם קאפיעץ מיט׳ן געדענקשטיין.

# באראָן ראטהשילד אלס זיעגער.

ביים לעצטען גרויסען פערד־יאָגעניש אין פאריז האט באראן מאריץ ראטהשילד געוואונען מיט זיין פערד „ווערדון“ דעם ערשטען פריז, 350,000 פראנק.

די דורכגעפאלענע קאָנקורענטען שימפען איבער דעם „יודישען באראן“, וועלכער האט ביי זיי צוגענומען „זייער“ געלד...

מיר ברענגען אין אינזער היינטיגער נומער דאס בילד פון דעם באראן מאריץ ראטהשילד, ווי אויך דאס בילד פון זיין זיעגרייך פערד „ווערדון“.



ראטהשילד אלס „זיעגער“: באראָן מאריץ ראטהשילד און זיין פערד „ווערדון“, וועלכעס האט געוואונען ביים רענען דעם העכסטען פרייז.

# דאס נייע קריעגסשיף ראדעצקי.

פאָריגען זאָנטאג איז אין טריעסט צום ערשטען מאל א־אבגעלאזט געוואָרען אין ים אריין דאס נייע עסטעררייכישע קריעגס־שיף „ראדעצקי“.

דאס נייע קריעגס־שיף איז געבויט לויט די נייעסטע ערפאהרונגען פון רוסיש־יאפאנישען קריעג און אויסגע־שטאטעט מיט אלע מאָדערנע איינריכטונגען.

אלס פערטרעטער פונ׳ם קאיזער איז ערשיענען ביי דער פייער ערצהערצאָג טהראָנפאלגער פראנץ פער־דינאנד און זיין געמאהלין די פירסטין האהענבורג, וועלכע איז אויך געוועזען די טויפמאטערין פונ׳ם שיף.

דער שטאפעללויף איז אבגעלאפען אין דער גרעס־טען ארדנונג און דאס שיף איז א־אב אין ים אריין פראנאס־מעסיג און רוהיג.



מארשאל דר. אארפי־פאשא.

דאס נייע שיף, וועלכעס האט א בעזיצונג פון 816 מאן, איז געבויט אין טריעסט לויט די פלענע פונ׳ם גענעראלשיפסבוי־אינזשעניער זיעגפריעד פאפער (א יוד).

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער דאס בילד פונ׳ם נייעם קריעגסשיף אין דעם מאמענט ווען עס געהט אין וואסער אריין, ווי אויך א בילד, פארשטע־לענדיג דעם ערצהערצאג פראנץ פערדינאנד, די פירסטין האהענבורג און דעם מאַרינע־קאמאנדאנט גראף מאנטעקו־קולי אין דער האפלאשע, אלס צושויער ביים שטאפעללויף.

# אויס „דאקטאר“ און אויס „מארשאל“.

חאראקטעריסטיש פאר די צושטענדע אין דער טירקיי אונטער דער הערשאפט פונ׳ם סולטאן אבדול האמיד, איז דער פאל, אז דער געוועזענער שעף־ארצט פונ׳ם וויל־דיז־קיאסק, דר. אארפי־פאשא, האט קיינמאל נישט שטודירט קיין מעדיצין. ער האט אויך בעקומען דעם טיטעל „מארשאל“, חאטשי ער האט אויך קיינמאל נישט געדיענט ביים מיליטער...

זיין ברודער, ראקלוב פאשא, איז געוועזן קאמער־פארשטעהער ביים סולטאן און דורך זיין פראטעקציע האט מאריפי־פאשא בעקומען דעם טיטעל „דאקטאר“ און דעם טיטעל „מארשאל“ און איז געוואָרען איינער פון די איינפלוסרייכסטע מענער אין סולטאנ׳ס פאלאץ.

איצט איז געקומען זיין סוף. סולטאן מוהאמעד V האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, לויט וועלכען אארפי־פאשא פערלירט זיינע עמטער און זיינע טיטעל. ער ווערד געשטריכען פון דער ארמעע און פענסיע און דארף נישט מעהר פיהרען דעם טיטעל דאקטאר און זיך נישט בעפאסען מיט מעדיצין.

אארפי־פאשא, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין היינטיגער נומער, איז מיט א מאל געוואָרען אויס „דאק־טאר“ און אויס „מארשאל“.

# פרעזידענט פאליערס אויסגעצייכנעט.

קאיזער פראנץ יאזעף האט געשענקט דעם פרע־זידענט פון דער פראנצעזישער רעפובליק, פאליער, דאס ברילאנטען־קרייץ פונ׳ם סטעפאנס־ארדען.

דיעזע זעלטענע אויסצייכנונג איז א דאנק פאר די פריינדשאפטליכע האלטונג, וועלכע די פראנצויזישע פאליטיק האט בעוויזען געגענאיבער עסטרייך־אונגארן וועהרענד דער באלקאן־קריזע אינ׳ם לעצטען ווינטער.

חאטשי פראנקרייך איז פערבונדען מיט רוסלאנד און מיט ענגלאנד, האט עס אים אינטערעסע פונ׳ם וועלט־פריעדען כסדר פערמיטעלט אין דעם קאנפליקט, כדי צו פערמיידען א קריעג און דאס איז איהם אויך טאקי געלונגען.



פרעזידענט פאליערס אויסגעצייכנעט: דער פראנצעזישע פרע־זידענט מיט׳ן סטעפאן׳ס־אָרדען.

ריעזע אויסצייכנונג האט איבערדעם א שטארקע פאליטישע בעדייטונג און די פראנצעזישע פרעסע איז מיט איהר זעהר צופריעדען.

פרעזירענט פאליער. וואס מיר ברענגען היינט זיין בילד אנגעטהון אינ'ם סטעפאנס-אָרדען. וויל איצט אלס דאנק פאר דיעזער אויסצייכנונג מכבד זיין דעם עסט-רייכישען קאיזער מיט'ן גראס-קרייץ פון דער פראנצעזישער עהרענלעגיאָן.

# א פאליטישער מארד אין ענגלאנד.

נאָך ענגלאנד געפינט זיך אין גרעסטער אויפרעגונג וועגען דעם פאליטישען מארד, וואס איז געשעהען פאריגע וואך ביי א פעסטבאנקעט פון דער אינדישען סעקציע פונ'ם קאיזערליכען אינסטיטוט אין לאנדאָן.

ביי דעם באנקעט האבען גענומען אנטהייל עטליכע הונדערט אינדישע סטודענטען, די העכסטע בעאמטען פונ'ם אינדישען אמט און עטליכע פארנעהמע אינדישע פערזענליכקייטען, וואס וואָהנען אין לאנדאָן.

ווען דער פערטרעטער פונ'ם מיניסטער פאר אינדיען, אבערלייטנאנט סיר קורצאן ווילליע האָט געוואָלט מיט זיין פרוי פערלאָזען דאס פעסטלאָקאל, איז פלוצים צו איהם צוגעשפרונגען דער אינדישער סטודענט דהינאקרי און שיעסט אויף איהם 4 מאל נאך איינאנדער מיט א רעוואָלווער. אלע 4 קוגעלן טרעפען און דער אבערסט-לייטנאנט בלייבט תיכף טויט. נאך איידער מען קען דעם אטענטעטער פאקען, שיעסט ער נאך צוויי מאל און דערהרג'עט דעם אינדישען ארצט דר. סאלקאקא.

דהינאקרי איז תיכף פערהאפטעט געוואָרען. ביי זיין ערשטען פערהער ערקלערט ער בלויז, אז דעם דר. סאלקאקא האט ער נישט אבזיכטליך געטערטעט. וועגען דעם אבערסלייטנאנט פערוויינערטער יעדע אנטוואָרט.



דר. אדלער'ס יובילעאום: דער ראָטהשילד-פארק „גונערסבורי", וואו די גראטולאציע האָט שטאטגעפונען.

די ענגלישע פרעסע איז איבערצייגט, אז עס האנדעלט זיך וועגען א פאליטיש פערברעכען, און איבערדעם האט דער פאל ארויסגערופען די גרעסטע סענזאציע. די אינדיאנער זענען שוין לאנג נישט צופריעדען מיט דער ענגלישער הערשאפט. און אין אינדיען גופא קאכט עס ווי אין א קעסעל. די אינדיאנער ווילען ווערען א זעלבשטענדיג פאָלק און ארויסווארפען פון זיך די ענגלישע אבערהערשאפט. די ענגלענדער פיהרען דארט זעהר א שטרענגער רעזשים, אונטערדריקענדיג יעדע פרייע בעוועגונג מיט פייער און שווערד.

די אינדיאנער האבען איבערדעם געבילדעט אנאר-כיסטישע ארגאניזאציעס און ווילען ענטפערן אויף יעדע אונטערדריקונג מיט טעראָריסטישע אקטען. שוין עטליכע מאל זענען דאָרט אין לעצטער צייט פארגעקומען אנאר-כיסטישע אקטע, איבער וועלכע מיר האָבען זיינערצייט בעריכטעט. דער אבערלייטנאנט ווילליע איז געוועזען זעהר איינפלוסרייך אין דער אינדישער פערוואלטונג. און ס'איז זעהר וואהרשיינליך, אז זיין ערמאָרדונג איז דער אנפאנג פון טעראָריסטישע אקטען קעגען די ענגלישע פערוואל-[illegible]ונג. איבערדעם איז אויך די אויפרעגונג פון די ענגלענ-דער זעהר גרוים.

אין אינדיען וואָהנען צירקא 300 מיליאָנען מענשען. ענגלאנד'ס גרויסקייט און שטארקייט שטיצט זיך אויף



א פאליטישער מאָרד אין לאָנדאָן: (רעכטס) דער ערמאָרדעטע אָבערלייטנאנט ווילליע. (לינקס): דער אטענטעטער מאראר סאב דהינאקרי ביי זיין ערשטען פערהער.

האָפּ'א

פאסטא דאָ בוציקוו — יעסט נאילעפשא מארקא.
פאסטא דא מעטאלי — אוזנאנא פרזעז פאוואגי פאכאווע.

ושאנדאץ וושענדושיע ו׳יראושניע טילקא וויראָבו ז נאפיסעם פירמי

S. HOF W KRAKOWIE.

ריזען לאַנד און זיין מאכט איז בעדראָהט. ווען עס ווערט געלינגען די אינדיאַנער זיך צו בעפרייען.

די אינדיאַנער זענען א קולטורעל הויך ענטוויקעלט פאלק און קוים שפירען זיי צו שטאַרק די ענגלישע קייטען, וועלען זיי אַלעס אנווענדען, זיי צו צעררייסען. אים אייסערסטען פאַל דורך טעראָר...

עס וועט די ענגלענדער נישט העלפען אַלע פּאָ־ליציייאישע מאַס־רעגעלן. א גרויס, פאַנאטיש פאלק לאָזט זיך נישט האַלטען אין קייטען... דער איצטיגער פּאָליטי־שער מאָרד אין לאָנדאָן איז א בעווייז, אַז די אינדיאַנער זענען שוין פערצווייפעלט. און פערצווייפעלטע האָפען זיך צו אַלעס. ס׳איז אפשר נישט איבערטריעבען, ווען די ענגלישע פרעסע בעהויפּטעט. אַז אין לאָנדאָן עקסיסטירט א גאַנצע אינדיש־אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציע. וועלכע ווערט געלייטעט פון פאַריז אויס דורך דעם אינדיאַנישען סאָציאַליסט קירשנאַוואַרמאַ, וועלכער פּראָפּאַגירט אין זיין בלאַט אָפען דעם פּאָליטישען טעראָר.

ווילען די ענגלענדער בלייבען הערין אין אינדיען. מוזען זיי ענדערן און בעסערן זייער רעגירונגס־סיסטעם.



דר. אדלער׳ס יובילעאום: דר. אדלער (1) דאַנקט פאַר די גראַטולאַציעס. נעבען איהם (3) לאָרד ראָטהשילד און פרוי דר. אדלער (2).

# נייע סודות.

דער סאָציאַליסטישער שריפטשטעלער בורצעוו וועלכער האָט מיט עטליכע חדשים צוריק ענטלאַרפט דעם רעוואָלוציאָנער אזעוו, אַז ער איז גלייכצייטיג א אגענט פון דער רוסישער געהיים־פּאָליציי און אָנגריי־פענדיג פון איין זייט טעראָריסטישע אַטענטאַטע, פער־ראַטה ער עס גלייכצייטיג דער פּאָליציי, כדי זיי צו פערהינדערן—אט דער בורצעוו. וואס זיין בילד ברענגען מיר אין אונזער היינטיגער נומער. האט איצט ווידער ענטדעקט נייע סודות, וועלכע זענען נאָך וויכטיגער און גרעסער פון דער מעשה אזעוו.

די רוסישע אויסלענדישע געהיים־פּאָליציי אין פּאַריז איז ביז אהער געשטאַנען אונטער דער פיהרונג פון א געוויסען גראַף האַרטינג. וועלכער איז אין די פּאָליטישע קרייזען געווען זעהר אנגעזעהן און ווען דער צאַר פלעגט ארויספאָהרען קיין אויסלאַנד. האט האַרטינג געהאט די אויפגאַבע, צו וואַכען איבער זיין פּערזאָן.

איצט ענטדעקט בורצעוו. אַז אט דער האַרטינג איז נישט קיין אַנדערער. ווי דער געוועזענער רעוואָלו־ציאָנער לאַנדעסען. וועלכער האט אין׳ם יאהר 1890 געפּרובט א אַטענטאַט אויף׳ן צאַר אַלעקסאַנדער III. אין פּאַריז און איז דערפאַר פערורטיילט געוואָרען אויף פינף יאָהר.

אָט דער לאַנדעסען האט פריהער געהייסען העק־קעלמאַן, יוסף ביירע, אברהם פּעטראָווסקי און ווער ווייסט וויפיעל נעמען ער האט נאָך.

נאָך זיין פערורטיילונג טרעט ער איבער צו דער רוסישער ״אכראַנאַ״. אַרבייט א צייט אלס ״לאָק־שפּיצעל״. אלס פּראָוואָקאַטאָר צווישען די סאָציאַליסטען. דערנאָך בעקומט ער די אויפגאַבע. צו וואַכען איבער דעם קאַי־זער׳ס פּערזאָן און שפּעטער איבערנעמט ער די לייטונג פון דער רוסישער פּאָליטישער געהיים־פּאָליציי אין פּאַריז.

בורצעוו ענטדעקט אויך אַלע סודות איבער האַר־טינגס ״טעטיגקייט״... ער האט אַראַנזשירט אַן׳אַטענטאַט אויפ׳ן צאַר אין שטאָקהאָלם. דאַן עס אַליין ענטדעקט. ער איז מיטגעפאָהרען מיט׳ן אַדמיראַל ראָזשעסטווענסקי איבער׳ן נאָרד־מעער. בשעת דעם רוסיש־יאַפּאַנישען קריעג. און ער האט עס ראָזשעסטווענסקי׳ן פעראַנלאַסט צו שיעסען אויף ענגלישע פישער־שיפלעך ביי הול. שרעק־קענדיג איהם. אַז דאָס זענען יאַפּאַנישע טאָרפּעדאָס, דורך וועלכען ס׳איז שיעור נישט געקומען צו א ענגליש־רוסי־שען קריעג. ער האט פאַר צוויי יאהר פערסמ׳ט א רו־סישען רעוואָלוציאָנער אויף א שוועדיש שיף. בקצור ער האט איבערגעטהון מעשים אשר לא יעשו. און טראָץ דעם אַלעמען איז ער געבליעבען אויף זיין שטעלע און מען פלעגט איהם איבערצוגעבען די וויכטיגסטע פּאָליטי־שע מיסיעס.

האַראַקטעריסטיש איז. אַז אין אויסלאַנד איז האַר־טינג׳ס טעטיגקייט געווען גוט בעקאַנט. אַזוי דערצעלט איצט א בערלינער פּאָליציי־בעאַמטער. אַז פאַר צוויי יאהר ביי דער בעגעגנונג צווישען קייזער ווילהעלם און צאַר ני־קאָלוים אין סווינעמינדע האט די רוסישע פּאָליציי אהין אַריבערגעשיקט האַרטינג׳ן. כדי צו וואַכען איבער׳ן צאַר. די דייטשע פּאָליציי האט אבער מורא געהאט. אַז האַר־טינג אַליין וועט עפּיס אַנמאַכען א מעשה, כדי זיך צו בעריהמען אַז ער האט ענטדעקט אַן׳אַטענטאַט קעגען צאַר. איבערדעם האט זי איהם כסדר בעוואַכט. א דייט־שער קאָמיסער פלעגט איהם נישט אַבלאָזען א מינוט און איז שטענדיג מיט איהם אַרומגעגאַנגען. געשפּיעלט און אונטערהאַלטען, מען האט איהם בעוויעזען די גרעס־טע פריינדליכקייט און ליעבענסווירדיגקייט. נור כדי ער זאָל נישט בלייבען א מינוט אַליין און נישט מאַכען קיין געשיכטען...

איצט האט ער שוין מורא פאַר׳ן לעבען גלייך מיט אזעוו׳ן און איז פּלוצים פערשוואונדען געוואָרען פון פּאַריז.

דער סאָציאַליסטישער פיהרער זשאָרעס וועט וועגען דעם איבערריידען א אינטערפּעלאַציע אין דעם פראַנצעזישען פּאַרלאַמענט און ס׳איז צו ערוואַרטען. אַז איצט וועלען אויפגעדעקט ווערען אַלע סודות פון דער זאַך.

# פון דער רעדאַקציע.

דער ראָמאַן ״דון יוסף הנשיא״ ענדיגט זיך אין 3—2 פאָרטזעצונגען. דערנאָך וועלען מיר איהם דרוקען סעפּאַראַט און צושיקען אַלע נייע אבאָנענטען די פאָר־לענדע פאָרטזעצונגען.

די ציהונג פון די א״י־ישראל־לאָזע וועט געשעהען אנפאַנגס חודש סעפּטעמבער. די לאָזע וועלען אַלע גאַנציעהריגע אבאָנענטען צוגעשיקט ווערען אים מאָנאַט אויגוסט.



דאָס נייע קריעגסשיף ״ראַדעצקי״: רעכטס: דאָס נייע קריעגסשיף; לינקס: ערצהערצאָג פראַנץ פערדינאַנד, פירסטין האָהענבורג און גראַף מאָנטע קוקולי אין דער האָפלאָזשע.

# זיגמונד פיינמאן געשטארבען.

עס זענען נאך פריש די וואונדען, וואס דאס יודישע טעאטער האט געקריגען דורך דעם טויט פון דעם רעפא-מאטאר פון יודישען טעאטער, יעקב גארדין, און פלוצלינג האט ווי א דונער דערשלאגען אלע דורך דער נאכריכט וואס איז געקומען פון לאנד, וועגען דעם פלוצלינגען טויט פון דעם גרויסען יודישען שוישפילער זיגמונד פיינמאן.

פיינמאן איז געבוירען געווארען אין קישינעוו. אין די 80-גער יאהרען איז ער אוועקגעפאהרען קיין אמעריקא, וואו ער האט זיך בעקענט מיט דעם נישט-לאנג געשטארבענעם דראמאטורג יעקב גארדין, וועלכער האט זיך צוזאמען מיט נאך עטליכע יודישע קינסטלער גענומען רעפארמירען דאס יודישע טעאטער. 23 יאהר נאכאנאנד האט פיינמאן געארבייט אויף דער יודישער ביהנע אלס שוישפילער און פערפאסער פון דראמאטישע ווערקע. זיין טאלענט האט זיך בעזונדערס ארויסגעוויזען אין די קלאסישע ראלען, ווי אין „אטהעלא", „די רייבער", „דער קויפמאן פון ווענעדיג", „אוריאל אקאסטא" און פיעלע אנדערע דורך וועלכע ער איז אויך בעריהמט געווארען.

דער פערשטארבענער איז בעקאנט געווען מיט די גרעסטע קינסטלער דער וועלט, וועלכע האבען איהם זעהר געעהרט. און איהם זאגאר עטליכע מאל געבעטען איבערצוגעהן אויף די אייראפעאישע ביהנען, אבער האטש ס'איז איהם פארגעשטאנען צו מאכען א גלענצענדע קאריערע, האט ער זיך פון רעסטוועגען אבגעזאגט פון כבוד און מאטעריעלען נוצען און איז טריי געבליעבען דער יודישער ביהנע, פאר וועלכע ער האט מקריב געווען זיינע בעסטע יאהרען און כחות.

אלס פערפאסער פון דראמאטישע שטיק, האט דער פערשטארבענער געהאט גרויס ערפאלג מיט „חנה-לע די נעהערין", „שפת קודש", „די יודען אין מאראקא", „שפרה-לע", „דער שטראסען-זינגער" און פיעלע אנדערע, וועלכע וועלען נאך לאנג בלייבען אויף דער יודישע ביהנע.

דער פערשטארבענער איז פון אמעריקא געקומען קיין לאדז אויף עטליכע גאסטראלען, וואו ס'האט איהם דאנערשטאג אם 1-טען יולי געטראפען דאס אומגליק.

בשעת דער פראבע פון „אוריאל אקאסטא" האט א הערץ-שלאג אן ענדע געמאכט זיין לעבען.

פריטאג האט זיך די לאדז'ער בעפעלקערונג פערזאמעלט ביי דעם הויז וואו דער פערשטארבענער איז געלעגען, כדי איהם אבצוגעבען דעם לעצטען כבוד עס האט זיך צוזאמענגעקליעבען א עולם ביז צעהן טויזענד מאן און געווארט אויף דער לויה.

צו דער לויה זענען אויך געקומען צופאהרען ארטיסטען פון די ווארשויער יודישע טעאטערע, זשורנאליסטען פון פערשיעדענע צייטונגען, קארעספאנדענטען רעלעגאטען פון פערשיעדענע קונסט-פעריינע. פאר דעם ארויסטראגען פון דעם ארון, האט א פאטאגראף פאטאגראפירט דעם ארון אין דער געגענווארט פון דעם דירעקטאר פון טעאטער, דעם רעדאקטער פון „לאדזער טאגעבלאט" הערר אינער, ארטיסטען און פריינד. דריי א זיינער האט זיך אנגעהויבען די לויה, וועלכע איז בעגלייט געווארען פון טויזענדער מענשען. האטש עס איז געגאנגען א גוואלדיגער רעגען, האט זיך ביז צום בית-הקברות געהאלטען א עולם פון פינף-טויזענד מאן. אויף דעם בית הקברות האט זיך אין טויער-זאאל פערזאמעלט דער עולם און דער קאנטאר פון שוהל, האט מיט זיין קאהר געזונגען א אל מלא רחמים, דאן האבען איהם מספיד געווען: דער רעדאקטאר פון „לאדזער טאגעבלאט" הערר אינער, ארטיסטען פערטרעטער פון פערשיעדענע מוזיק-פעריינע, פריינד און בעקאנטע. דאן האט מען דעם טויטען ארויסגעטראגען צום קבר, וואו דער דירעקטאר פון לאדזער יודישען טעאטער הערר זאנדבערג האט געהאלטען א געזעגנונגס-הספד. דא האבען ארויפגעלעגט קרענץ אויף דעם קבר: רעדאקציע און אדמיניסטראציע פון „לאדזער טאגעבלאט", די פריי פון פערשטארבענעם, דער דירעקטאר פון טעאטער, די ארטיסטען, ווארשויער ארטיסטען, דירעקטארען פון ווארשויער טעאטערע, קאמינסקי, פישזאהן, דער ליטעראריש-מוזיקאלישער דראמאטישער פעריין „הארפע", „דראמאטישע קונסט", פריינד און בעקאנטע.

דער עולם איז זיך טרויעריג צעגאנגען, עס איז אבער ביי יעדען געבליבען א גרויסער שמערץ וועגען דעם טויט פון דעם גרויסען קינסטלער. תנצב"ה.



# די רעוואלוציע אין פערזיע.

די ידיעות פון פערזיען זענען זעהר נישט קלאר. באלד הייסט עס, אז דער שאה האט געזיגט איבער די רעוואלוציאנערען, באלד ווידער האבען זיי געזיעגט.

טהאטזאכע איז בלויז, אז דאס שרעקליכע בלוט-פערגיעסען האט נאך נישט אויפגעהערט, אז די רעוואלוציאנערען שטעהען שוין פאר די טהויערן פון טעהעראן און אז די טעג פון דעם שאה'ס הערשאפט זענען געצעהלט... אויב די רעוואלוציאנערען וועלען זיעגען אדער נישט, זענען די צושטענדע אים לאנד דערארטיגע, אז דער שאה וועט זיך נישט קענען האלטען און דאס לאנד וועט צעטהיילט ווערען אויף שטיקער.

די רוסען זענען שוין דארין מיט א היבש ביסעל מיליטער. די ענגלענדער זענען דאמיט שטארק נישט צופריעדען, אבער זיי מוזען שווייגען, ווייל דאס איז דאך געשעהען מיט זייער צושטימונג. דאפאר אבער וועלען זיי זיך ענטשעדיגען, צונעמענדיג ביים שאה פון זייער זייט אויך א שטיק לאנד.

אבער אויך די טירקיי וויל נישט שווייגען. אלס נאהענטער שכן פון פערזיען און אלס מאהאמעדאנישער מאכט, וויל עס נישט צולאזען, אז רוסלאנד און ענגלאנד זאלען זיך אליין טהיילען מיט פערזיען, און ס'איז מעגליך, אז אויך די טירקיי וועט בעקומען א חלק פון דער „ירושה".

דער שאה האט גוט אויסגעשפיעלט! טאקי כדאי געווען וועגען אזא סוף צו פערוויסטען א האלב לאנד און אויסצוקוילען צעהנדליגנער טויזענדע מענשען!

# א יודישער מיניסטער אין ענגלאנד.

נאך אמעריקא, פראנקרייך, האלאנד און איטאליען האט אויך ענגלאנד בעקומען א יודישען מיניסטער.

דער ענגלישע דעפוטירטע הערבערט סאמועל, איז ערנאנט געווארען צום קאנצלער פונ'ם הערצאגטהום לאנקאסטער מיט דעם טיטעל און ראנג פון א מיניסטער. זיין פארגענגער איז געווען דער לארד פיטצמוריס.

הערבערט סאמועל, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין היינטיגער נומער, איז ערשט אלט 39 יאהר. ביז איצט איז ער געווען אונטערשטאאטס-סעקרעטער ביים מיניסטער פון די אינערע ענינים. ער גילט אלס איינער פון די פעהיגסטע ליבעראלע פאליטיקער אין ענגלאנד.



זיגמונד פיינמאן געשטארבען: דער וארג מיט די קרענץ פאר דער לויה.

# Mineralwasser!

En gros-Versand! Export nach Russland und Rumanien!
Directe Verbindungen mit den Quellen!!
Nahere Auskunft und Preise gratis und franko!!
1) **N. Traums Sohn, Tarnów,** (Galizien).
2) **N. Traums Sohn, Kraków,** Dietelsg. 46. Tel. 869.
**Gründungsjahr 1864.**

# העברעאישער פערנאונטערריכט.

דורך מיינע 32 קינסטפאלע העברעאישע אונטערריכטס־בריעפע וועלכע איינען גרויסען טהייל דער העברעאישען ליטעראטור אין פראזא און פאעזיע אונד די גאנצע גראמאטיק אין פער שיערנען איבונגען ענטהאלטען קאן יעדערמאן דיא העברעאישע שפראכע אין קורצער צייט לייכט אונד גרינדליך אין ווארט אונד שריפט ערלערנען. האבע הונדערטער דאנקזאגונגען פאן שילערן.

פראספעקטע גראטיס. פראבענומער 1 קראנע אין מארקען. אויך אויסלענדישע

**S. Walkowski, Krakau, Miodowa 16**

# Graetz

Gesch. d. Juden 13 Bde
Meyer's u. Brockhaus Konvers. Lexika 1908,
Brehm's Tierleben,
Kaufm. Bibliothek,
Spamers ill. Weltgesch.
Fremdworterbücher.
Worterbücher in allen Sprachen,
Literaturgeschichte,
Samtl. Klassiker,
Handels- u. Sprach-Wissenschaften etc.
**Alles in neuester Auflage u. in Prachtbänden gebunden**
liefert gegen Monatsraten v. K. 3 aufwarts
**A. Weissmann, Podgórze** (Galiz.)

# Kaufm. Fern-Unterricht!

בוכפיהרונג (אללע מעטאדען) האנדעלסקארעספאנדענץ, דייטשע או. פאלנישע שפראכלעהרע, קויפם. רעכנען, האנדעלס- או. וועכסעלרעכט, װארענקונדע, געאגראפיע, שענשרייבען, עספעראנטא - וועלטשפראכע, וועלט-געשיכטע, קאנטארפראקסיס, סטענאגראפיע (אללע סיסטעמע) א. ז. וו. קאנן יעדערמאן אהנע בעזאנדערע פארקענטניססע אים בריעפליכען וועגע אונד און קורצער צייט גרינדליך ערלערנען. — ביי גלייכצייטיגער טיילנאהמע אן 4 לעהרפעכערן,

**Stenographie gratis**

האנאראר מעסיג, — ערפאלג גאראנטירט!

Gründl. briefl. Ausbildung zum tüchtigen Kaufmann

אנפראגען נור געגען רעטורקארטע. פראספעקטע א 16 העלי׳ פראבעבריעפע K. 1.50 פראנקא.

**Erstes commercielles Unterrichts-Institut.**
**Abteilung für briefl. Unterricht**
**A WEISSMANN, Podgórze-Krakau 37.**

יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ!

# גימנזיום עברי

**Jüd. Pr.-Gymnazyum des Dr. Jung,**
**Storozynetz** (Bukowina).

רינדליך אונד ערפאלגרייכער אונטערריכט אין אללען לעהרגעגענשטענדען דעם גימנאזיומס אונד דער יודישען ליטעראטור תנ״ך, רש״י, גמרא, שלחן ערוך וכתב ולשון עברי; אינדיווידועללע, שטרענגרעליגיעזע ערציעהונג! גלענצענדע רעזולטאטע: לייטער דער העברעאישען פעבער: ההיג מויה משה דוד גראס לפנים רב בק״ק לוצערן (שווייץ) מחים רע מה שתשיב.

אין דען מאנאטען יוני, יולי, אויגוסט פארבערייטונגס-קלאססע דארטזעלבסט!

**Die Leitung** :אויסקונפט ערטיילט

# HOTEL-RESTAURANT
# Rosenthal

**Lemberg,**
**Rzeźnicka.**
Telefon Nr. 1314.

# Verein „Israelit“ in Wien

Genehmigt von der Hohen K. K. Niederosterr Statthalterei.

## Kundmachung:

Der Verein Israelit in Wien bietet seinen Mitgliedern folgende Vorteile:

1) Heiratsstipendien für deren erwachsene Kinder ohne Unterschied des Geschlechtes.

2) Teilweisen Schadenersatz bei Elementarereignissen, wie z. B. Viehseuche, Ueberschwemmungen, Feuer und Hagelschaden.

3) Versorgung der Familie eines Mitgliedes nach seinem Ableben.

4) Erteilt der Verein seinen Mitgliedern Unterstutzungen in allen kritischen Lebenslagen.

Wer sich für den Verein im eigenen Interesse oder zwecks Empfehlung von Mitgliedern aus seiner Ortschaft interessiert, wende sich an den **Ausschuss des Vereines Israelit in Wien II. Miesbachgasse Nr. 12.**

# אלטער הארנער

קאנצעס׳אניערטער שטיינמעטצמייסטער

## לאגער פון מצבות

אוים מארמאר, גראניט און סיעניט.

**A. HORNER, Krakau, Methgasse 37.**

# Leсznica chirurgiczna Zakład Roentgenowski
# Dr. Artura Frommera

Godziny ord. 9—11 przedpoł. 3—5 popoł.
**Kraków, Tomasza 18.** Róg ul. Floryańskiej
Telefon Nr. 81.

# זיכערע הילף געפינט יעדער

אין האפראט פראפעסאר דאקטאר מ. גרובער׳ס בעריהמטען ביכעל

## „דאס געשלעכטסלעבען“

איינפאך יודיש בעארבייט

סיענטהאלט: דאס היילען פון אלערליי מענערקראנקהייטען און אונאני (א געהיימע ליידענשאפט ביי יונגע מענשען, פאר א בחור זעהר וויכטיגע עצות. אויסגעצייכנעטע מיטעל פאר יונגע לייט

פראנקא פאר 1.10 קראנע (50 קאפ.) אין פאראויס.
ביי: H. Frankel in Gwożdziec, (Galizien)

**Menachem Pidhoretz**
Hochzeitssanger (בדחן)
GRODEK JAGIELLONSKI

עמפפעהלט זיך אויף אללער ארט התונות אונד גאראנטירט פיר בעסטע צופריעדענהייט.

האנאראר (שכירות) מעססיג.
אויף יעדער אנפראגע ווירד גלייך בעאנטווארטעט.

Spezial-Verkehr nach Süd-Russland.
**N. Katzner,** Spedition u. Kommission
Podwoloczyske, Woloczysk, Brody und Radziwilow
Feste Durchfrachten von und nach Russland.
Export von Holzwolle, Eierkistenbrettern u. Sensenwetzsteinen
**Steinkohlen, Antracit und Koks.**
Tee in Originalpaketen mit kais. russ. Kronsbanderolle.

# 10.000
# הויזהאל-טונגעז

בענוטצען בערייטס די פאטענט בוטטער „מא־נאפאל“.

דיעזע בוטטער איזט דער נאטורבוטטער צו יעדער בעציעהונג גלייך יעדאך בעדייטענד בילליגער. קיינע הויזפרוי פערזיימע איינען פערזוך דאמיט צו מאכען. וואו פאטענט בוטטער נישט פארהאנדען איזט ווענדע מאן זיך דירעקט אן דער

I Oesterr.
**Pat. Butterfabrik „MONOPOL“**
Krakau, Jasna 8.
פרייז פער ½ קילא קרא. 1.20.

# עפילעפסיע.

ווער עס אן פאללזוכט, קרעמפפען א. אנדערע נערוועזע צושטענדען ליידעט. פערלאנגע בראשירע דאריבער. ערהעלטליך גראטיס א. פראנקא דורך די
**Privil. Schwanen-Apotheke Frankfurt a. M.**

MARKA OCHRONNA
·Chokolat·
**Hoff**
Najsłynniejsza · marka · Jana Hoffa fabryka · kakao · i czekolady · WIEDEŃ-STADLAU

